בס"ד

# ואני באידיש / פר' ויחי / כתה ב'

- ואני - און איך יעקב, חאטש איך בין דיר מטריח מיט מיין קבורה, [זאלסט מיך טראגן פון מצרים קיין לאנד כנען] אבער מיט דיין מאמע רחל האב איך נישט אזוי געטוהן, ווי אזוי דען,
- בבואי - ווען איך בין געקומען,
- מפדן - פון פדן ארם,
- מתה - איז געשטורבן,
- עלי - צו מיר,
- רחל - דיין מאמע רחל,
- בארץ כנען - און לאנד כנען,
- בדרך - אויפן וועג,
- ועסטו וועלין מיינען אז ס'איז געווען ווייט , זאג איך דיר ניין,
- בעוד כברת ארץ - ס'איז נאר געווען א מאס ערד, וויניגער ווי א תחום שבת
- לבא - צו קומען
- אפרתה - קיין אפרת,
- ואקברה שם – האב איך איר דארט באגראבין,
- בדרך אפרת - אויפן וועג קיין אפרת,
- הוא בית לחם - דאס איז בית לחם, און איר אפילו נישט אריין געברענגט און שטאט .

ועסטו וועלין מיינען אז ס'איז געווען א רעגין צייט, זאג איך דיר ניין, ס'איז געווען א טריקענע צייט,

- בעוד כברת ארץ - דע ערד איז געווען טריקן און געלעכרט אזוי וויא א זיפל,
- וויס איך דאך אז די ביסט אויף מיר ברוגז, זאג איך דיר אז ס'איז געווען על פי הדיבור,דער א-ר האט מיר אזוי געהייסן, כדי זי זאל זיין א הילף צו אירע קינדער,
- ווען נבוזעראדן וועט פאר טרייבן די יידישע קינדער און גלות אריין, וועלין זיי דורעך גיין רחל'ס קבר, און שרייען און ווינען און בעטין צום א-ר, וועט רחל ארויס גיין

פון איר קבר אין וועט אויך

שרייען און וויינען, און בעטין פון השי"ת אויף אירע קינדער.

- אזוי וויא און פסוק שטייט, 'קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה'
- און דער א-ר וועט איר ענטפערין, ושבו בנים לגבולם - די קינדער וועלין זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל.